בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ד

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

אכילה בקדושה
אזעלכע שיינע בענטשן'ס...
א נייע אהבה צום אויבערשטן
אני אוצר של יראת שמים
נישט געפילט קיין טעם אין לערנען
כמו חלב ודשן תשבע נפשי
לא נשתנה פניו
דו גיב פייער
נישט פסל'ען די תפילין
אני יכול ליתן יראה
רעותא דליבא
פילן א טעם
סיבת יציאת רבינו לברסלב
ספר, סופר, סיפור
וואס האט ער דיר שלעכטס געטאן?
כך נאה ויפה לו
בעת נסיון
אין הקב"ה בא בטרוניא

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #94

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זצ"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של $15 עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

# שיעור פרשת חיי שרה
## שנת תשל"ו (ח"א)

(טייפ מס' 108#)

## אכילה בקדושה

(ההתחלה חסרה, מדבר מאכילה בקדושה וביראת שמים) ...איך בין דאך חשוב'ער פון דעם מאכל; און אז איך בין חשוב'ער פון דעם מאכל דארף דאך דער מאכל האבן פאר מיר א ביטול; און דא גיב איך זיך א כאפ צו צום מאכל עפעס גלייך ווי אינגאנצן זיין לעבן האט ער אין דעם מאכל.

(כשאדם הולך עם מחשבה כזה:) 'איך בין דאך א מענטש, א מדַבר - און דער מאכל איז נאר א צומח, בין איך דאך חשוב'ער פון אים' - ממילא ליגט שוין אין אים א מין דרך ארץ! אפילו איך נעם דעם מאכל - עס איז אלץ תלוי אין דרך ארץ; דרך ארץ ביים עסן איז א געוואלדיגער (יסוד).

דער רבי האט דאך געזאגט[א]: "מען זאל עסן אזוי ווי עס זיצט א גדול ביים טיש"; מען זאל זיך אויסמאלן - איך ווייס - מיר עסן און עס זיצט ר' נחמן טולטשינער ביים טיש; עס זיצט ר' נתן ביים טיש - און איך עס... דעמאלט וועט מען עסן מיט אן אנדער (צורה), מיט אנדערע געדאנקען...

עס איז נישט די הויכע סארט (שבירת) תאוות אכילה; אבער א שטיקעלע וועג איז דאס; 'עסן אזוי ווי עס זיצט א גדול ביים טיש!'

---

[א] עי' חיי מוהר"ן תקט"ו: "הזהיר שלא לאכול בהלעטה היינו במהירות כדרך גרגרן, כי זהו בחינת (בראשית כ"ה): "הלעיטני נא", **רק להרגיל עצמו לאכול במתינות בישוב הדעת ובדרך ארץ כדרך שאוכלין בדרך ארץ כשיושב אדם חשוב על השולחן, כך יאכל תמיד אפלו כשאוכל לבדו!**".

דער רבי האט נישט נאר גערעדט תמיד דיבורים פון הויכע גרויסקייטן - דארטן רעדט דער רבי פון הארת הרצון[ב] - אבער אז ער רעדט א זאך - א שמועס קעגן עסן, האט דער רבי נישט אנגעכאפט הויכע זאכן; (רק:) 'אזוי ווי עס זיצט א גדול ביים טיש!'

דא[ג] זאגט דער רבי: "אז איך וועל עסן דעם אנדערן לעפל פאר דעם ערשטן, וועט זיך ווייזן פאר מיר אן אנדערער חלום". וואס הייסט? מען האט גערעדט טאקע, אז א מענטש זאל עסן ביי זיך; נישט ווייטער (רק ממה שמוכן סמוך לו).

(ר' נחמן בורשטיין: דאס איז א ווארט פונעם רבי'ן!) **יא יא; "עסן פאר זיך, נישט פון ווייטער".**

(ר' נחמן: אבער דאס האט נישט קיין שייכות צו דעם ענין? (- לסי' י"ט הנ"ל)) ניין; נאר ווען מען לערנט דא, איז מען מצרף דעם דיבור אהערצו אויך - מען זאגט פשט אויף דעם דיבור אויך.

נאך א זאך; אין אוקריינע פלעגט מען עסן עטליכע מענטשן אין איין טעלער, נישט באזונדער. (דערפאר) דארט איז אוודאי געווען שייך אז מען זאל עסן נאר לעבן זיך; אז ס'איז איין טעלער - אוודאי - 'עס' נאר לעבן זיך - שטעק נישט דעם לעפל ווייטער; אבער דער 'דיבור' איז שייך אפילו דא אויך: אז אפילו איך עס אליין, דאס איז אויך א מין דרך ארץ אזא (שיטול רק מן הסמוך לו).

❖

[ב] עי' ליקוטי עצות ערך 'אכילה' אות ט"ז (ע"פ ליקוטי מוהר"ן תניינא ז'): "מי שזוכה לרבי אמיתי שיודע להאיר הארה הקדושה בישראל כראוי והוא איש חיל ולא להיפך שקורין (שלימזלניק), **על ידי זה יכול לקבל בעת האכילה הארת הרצון המופלג, דהיינו שיאיר לו הרצון בעת האכילה וישתוקק ויכסוף מאד אליו יתברך ברצון מופלג בלי שיעור בלי שום ידיעה, שלא ידע כלל מה הוא רוצה רק רצון פשוט בכלות הנפש אליו יתברך!**".

[ג] עי' בליקוטי מוהר"ן סוף סי' י"ט: "ומי שיש לו שלימות לשון הקודש, יודע לפשר חלמין שבתרדמה כמו יוסף, כמבואר שם. כי החלומות הם כפי המאכלים שאוכל, כמובא, כי בכל דבר יש אותיות כנ"ל, וכששוכב וישן, עולים האדים מהמאכלים שאכל ועולים להמח, ונצטרפין האותיות שיש בהם, ומזה נעשה החלום. **נמצא כשאדם אוכל, אם היה אוכל הכף השני קדם הראשון, היה מתראה לו חלום אחר, כי בכל דבר יש אותיות אחרים; ואילו היה אוכל זה הכף תחלה, היו נצטרפין האותיות בצרופים אחרים והיה מתראה לו חלום אחר.** ומי שיש לו שלימות לשון הקודש, הוא יודע האותיות שיש בכל דבר כנ"ל, על כן הוא יכול לפשר חלמין כנ"ל".

# אזעלכע שיינע בענטשן'ס...

דער רבי זאגט דאך אין תורה ע"ז, אין דעם אנדערן חלק[ד]: אז "בשעת'ן עסן קומט א יראה; און אז ער עסט בקדושה גייט אריין די יראה אין אים אריין, און אז נישט שטייט די יראה פונדערווייטנס און גייט נישט אריין אין אים".

די יראה קומט צו אים בשעת'ן עסן; אבער אז ער עסט נישט בקדושה, שטייט זי פונדערווייטנס און גייט נישט אריין אין אים; זי גייט אוועק.

אבער אז ער עסט בקדושה וביראה, איז ער ממשיך אויף זיך די יראה קדושה, און די יראה גייט אריין אין זיין מויל, ווערט פון דער מויל א קומת אדם - "מי שם פה לאדם" - א געוואלדיגער לשון.

(אחד הנוכחים: יראה איז דאך דינים) יראה איז מלכות[ה]; די גאנצע אכילה איז דאך דינים - עס איז א מלחמה, "לחם את לחמי"[ו].

(ר' נחמן: ווייזט אויס דארטן, אז דער "בענטשן", דאס איז א סימן צו עס איז אריין די יראה!) **איי איי - אוי, האב איך געהערט אונזערע לייט בענטשן - אוי אוי, א געוואלד, א געוואלד! אזעלכע שיינע בענטשן! מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן! נישט נאר ברבים - ביחידות! שיינע בענטשן צום אויבערשטן!**[ז]

---

[ד] וזל"ש: **"ועל כן כשאוכל בקדושה וממשיך על עצמו היראה הבאה לו בשעת אכילה, דהינו שאוכל עם יראת שמים בקדושה ובטהרה כראוי, אזי הוא מכניס את בחינת המלכות, שהיא בחינת היראה כנ"ל, לתוך הפה, ואזי נעשה מהפה בחינת קומת אדם, בבחינת: "מי שם פה לאדם" כנ"ל. כי כשאינו אוכל בקדושה וביראת שמים, אזי היראה הבאה בשעת אכילה כנ"ל, היא עומדת מרחוק ואינה נכנסת בו, אבל כשאוכל בקדשה וביראה, דהיינו שממשיך על עצמו היראה קדושה הנ"ל, אזי נכנס בחינת היראה מלכות בפיו, ונעשה מהפה בחינת קומת אדם כנ"ל".**

[ה] עיי"ש בתורה הנ"ל.

[ו] עי' בליקוטי הלכות, הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו, אות נ"ד: **"ועל כן נקרא לחם לשון מלחמה כמו שכתוב: "לחם את לחמי"** (תהלים לה, א). **וכמו שאיתא בזוהר הקדוש שבשעתא דסעודתא הוא עידן קרבא.** וכמו שמבואר שם בהתורה הנ"ל שצריך לבלי להיות עצל שקורין **שלימזלניק כי צריכין להתגבר אז בשעת האכילה מאד להמשיך על עצמו הארת הרצון הקדוש הנ"ל. אף אם הוא כמו שהוא וכנ"ל"**, עייעו"ש.

[ז] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, אות ע"א: "פעם כשבאו בנות רביז"ל לאומאן, כמדומה שבאו אז על ימי ראש השנה, באו לכבודן בעת הסעודה גם נשות העיר הצדקניות והנכבדות, וישבו יחדיו בחדר סמוך כנהוג. כששאלו נשות העיר הנ"ל את בנות רבינו: **"האבן שוין אייערע חסידים געבענטשט?"**, השיבה להן אחת מבנות רבינו: **"ניין; ווארום דעם טאטנ'ס לייט, אז**

(ר' נחמן: "על ידי ברכת המזון נתוודע השם יתברך בעולם!"[ח]) **יא יא!**

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען זייער קראנק די לעצטע צייט, האט ער געהאט אלעמאל א חולשת הלב, ער האט נישט געקענט עסן קיין סאך, אבער ער האט זיך געמוטשעט אלעמאל מיט א חולשת הלב - און ער פלעגט בענטשן זייער מיט גרויס כוונה - א געוואלד געווען זיין בענטשן!

פלעגן אונזערע לייט זאגן: **'דער אויבערשטער מאכט אים הונגעריג ווייל ער וויל האבן נאך אזא בענטשן!'**

- דער אויבערשטער וויל הערן נאך אזא בענטשן, מאכט ער אים הונגעריג - וועט ער הערן נאך אזא בענטשן!. האט ער געבענטשט - א געוואלד! א געוואלד! מיט א מין דביקות צום אויבערשטן!

❖

# א נייע אהבה צום אויבערשטן

אין תורה י"ז רעדט דער רבי, פון מערת המכפלה, פון עפרון. דער רבי זאגט דארט: **"כי יראה ואהבה אי אפשר לקבל נאר דורך די צדיקי הדור; דער צדיק, ער איז דער מגלה היראה ואהבה!"**. דער רבי כאפט אלץ אן "יראה-ואהבה"; פריער 'יראה', נאכדעם 'אהבה'[ט].

אין די תורה פון "בחצוצרות", זאגט אויך דער רבי, אז 'יראה' קומט פריער', נאכדעם קומט אהבה; "**קדמא ליה איהי**" - די יראה קומט פריער, נאכדעם גייט אהבה.

---

**זיי בענטשן - הערט מען!"**; ותיכף אכן נשמע הרעש מקול אנ"ש בברכם ברכת המזון בכח ובהתעוררות, ונענו ואמרו זו לזו: **"אה! איצטער בענטשט מען!"**.

[ח] ספר המידות, ערך 'אכילה' ח"ב, ג'.

[ט] עיי"ש בתחיל התורה: **"כי יראה ואהבה אי אפשר לקבל, כי אם על ידי צדיקי הדור, כי הצדיק הדור הוא המגלה היראה והאהבה"**.

[י] ליקוטי מוהר"ן סי' ה', וזל"ש: **וצריך לאכללא שמאלא בימינא**, כנ"ל, **ואף על פי כן צריך לאקדמא את היראה** (עיין תקונים בהקדמה), כי בעל אבדה מחזיר על אבדתו (כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה [קדושין ב:]: 'דרכו של איש לחזר אחר אשה. משל לאדם, שאבדה לו אבדה' וכו'. פרוש: כי אהבה הוא בחינת איש ויראה היא בחינת אשה, כידוע. ועל כן צריך להקדים את היראה, כי אז תבוא אליו האהבה ממילא, כי האהבה הולכת ומחזרת אחר היראה תמיד, כי בעל אבדה מחזיר אחר אבדתו כנ"ל; כך שמעתי מפיו הקדוש בפרוש).

**כאטש דער רבי זאגט דארטן אז יראה איז נאך נישט קיין שלימות[יא]; מען קען אבער נישט קומען צו אהבה, סיידן דורך יראה[יב].**

**איך מוז מורא האבן פריער; אז איך האב מורא, קען איך נאך דעם ליב האבן; אנהויבן ביי אהבה קען זיך עס נישט אנהויבן; די מידה פון אהבה איז א העכערע סארט זאך; מען קען נישט קומען צו אהבה, סיידן מען האט פריער יראה; (לכן) כאפט דער רבי אלץ אן, 'יראה-ואהבה'.**

❖

**"יראה ואהבה אי אפשר לקבל נאר דורך די צדיקי הדור, ווייל דער צדיק הדור ער איז דער מגלה 'היראה והאהבה'".**

**אונזערע לייט פלעגן זאגן: וואס הייסט 'ער איז דער מגלה' - 'ער דעקט אויף די יראה ואהבה'? נאר יעדער מענטש האט דארטן ליב זאכן; איך האב ליב די זאך, אדער די זאך - פארוואס? ווייל מיר דעקט זיך נישט אויף קיין העכערע אהבה, מען ווייזט מיר נישט קיין העכערע אהבה, (דערפאר) האב איך ליב די זאך. אבער אז עס קומט איינער און ער דעקט מיר אויף א העכערע אהבה, א העכערע יראה, ממילא פארוואס דארף איך דאס האבן? פארוואס דארף איך ליב האב די זאך? איך דארף דאך ליב האבן א העכערע זאך!**

**דער צדיק - ער דעקט אויף די יראה, ער דעקט אויף די אהבה: 'פארוואס האסטו ליב די נארישע זאכן, די נארישע תאוות?', ער דעקט אויף א אהבה: א אהבת התורה, אהבת הצדיקים, אהבת השם-יתברך - 'אוי אוי, אזא אהבה - פארוואס דארף איך האבן יענע אהבה?!' - 'ער' דעקט אויף!**

---

[יא] עי"ש אות ה': **"ותדע, שצריך לשתף הגבורות בחסדים**, שמאלא בימינא, כמו שכתוב (תהלים כ): "בגבורות ישע ימינו", כי עיקר התגלות על ידי החסדים, כמו שכתוב (שם ק"י): "שב לימיני". **וכן צריך לשתף האהבה עם היראה"** וכו', עיי"ש.

[יב] עי' שיחות הר"ן ה', וזל"ש: **"עיקר העבודה בתחילה היא רק מחמת יראת העונש ובלי יראת העונש אי אפשר להתחיל כלל בעבודת ה'.** ואפילו צדיקים צריכים גם כן יראה **כי עובדי מאהבה הם מועטים מאד מאד ועיקר הוא יראת העונש.** כי היראה עילאה בגין דהוא רב ושליט וכו' היינו יראת הרוממות לאו כל אדם זוכה לזאת היראה אבל עיקר העבודה הוא רק על ידי יראת העונש אצל רוב בני אדם ...ואף שבזוהר הקדוש הוא מגנה יראת הענש, כבר מבואר על זה תירוצים בספרי מוסר כי באמת עיקר עבודת ה' היא רק על ידי יראת העונש כנ"ל".

**די יראה ואהבה קען מען נישט באקומען נאר דורך דעם צדיק! 'ער' דעקט אויף די יראה ואהבה! 'פארוואס דארף איך ליגן אין די נארישע יראות און אין די נארישע אהבות אז ער דעקט מיר אויף אזא מין אהבה און אזא מין יראה??!'**

**דער צדיק - ער דעקט אויף די יראה, ער דעקט אויף די אהבה - ער איז דער מגלה!**

❖

# אני אוצר של יראת שמים

**טאקע די גרויסע תלמידים וואס זענען מקורב געווארן צום רבי'ן - צדיקים זענען דאך מקורב געווארן צום רבי'ן - ר' יודל -** (און די אנדערע) **צדיקים; דער רבי האט זיי געגעבן א דעק אויף א יראה, א דעק אויף א אהבה - אה! דאס איז גארנישט געווען** (ביי אים) **פריער – פון דעם איז ער מקורב געווארן!**[יג]

**מען האט אים אויפגעדעקט עפעס א נייע יראה צום אויבערשטן, א נייע אהבה צום אויבערשטן; ממילא איז שוין דער דאווענען אנדערש, דאס לערנען אנדערש, ער גייט שוין ארום אנדערש.**

**דארף מען טאקע קענען אויפדעקן!; ווי קען איך אויפדעקן א זאך אז איך האב עס נישט??!**

**דער רבי האט געזאגט: 'איך בין אן אוצר פון יראת שמים!'**[יד]**; "פארוואס זוכט איר מיר נישט??!"**[טו]**; דער אוצר פון יראת שמים קען אויפדעקן פאר אנדערע א יראה!**

❖

[יג] עי' שיחות הר"ן רצ"ב; ובכוכבי אור חלק 'אנשי מוהר"ן' אות כ"ג.

[יד] עי' חיי מוהר"ן רצ"ד: "שמעתי בשמו שאמר שאם היה רוצה לגלות ולהראות היראה שלו לא היו יכולים לעמוד ארבע אמות סמוך לביתו, אך הוא מעלים היראה שלו בכוונה. וגם אנכי שמעתי מפיו הקדוש שאמר: **אני אוצר של יראת שמים שכל מי שרוצה יכול לקבל ממני**. ובאמת היה נראה בחוש שכל מי שנתקרב אליו נתמלא תיכף יראה גדולה ועצומה, ונתלהב מאד לעבודת השם יתברך אשר לא נראה כזאת. **וגם עכשיו עדיין יראתו הגדולה גנוזה בספריו הקדושים, וכל מי שעוסק בהם באמת ובתמימות בא עליו יראה גדולה ומתעורר מאד להשם יתברך כי כל דבריו כגחלי אש**".

[טו] שם רצ"ה: "שמעתי בשמו שאמר אלו היינו רואין אוצר היינו רצים בודאי אליו והיינו חופרים ומלכלכים עצמנו ברפש וטיט בשביל לחתר אחריו ולמצאו. **והלא אני אוצר של יראת שמים ומדוע לא יהיו להוטים ורצים אחרי לקבלו?!**".

**דער רבי זאגט ווייטער: "אז עס ווערט ביי איינעם פינסטער די יראה ואהבה, איז דאס מחמת עס איז אים פינסטער געווארן דער אור הצדיק וואס פון אים איז מען מקבל די יראה ואהבה"[טז].**

**"כי לפעמים" - זאגט דער רבי[יז] - "איז דא וואס עס ווערט ביי איינעם פינסטער דער אור הצדיק און ער איז נישט זוכה צו פארשטיין און זעהן 'אורו הגדול'; און כאטש ער איז ביים צדיק, קען ער נישט פארזוכן און פארשטיין און זעהן זיין גרויסן 'אור' וואס דורך אים קען ער צוקומען צו דער תכלית הטוב".**

**"אזוי ווי מיר געפינען ביי עפרון, אז דער 'מקום מערת המכפלה' וואס דאס איז דער 'שער גן עדן' און דארטן גייען ארויף אלע נשמות 'ואורו גדול מאד', אף-על-פי-כן, ביי אים איז עס געווען א 'מקום חושך ואפילה' און ער האט עס פארקויפט בשמחה רבה צו אברהם אבינו'ן".**

**ער האט געכאפט א מציאה, ער האט גענומען פיר הונדערט שקלים. עס שטייט טאקע, אז די אלע בני חת זענען געווארן אויף אים בכעס: 'פארוואס נעמסטו אזוי פיל געלט? פארוואס קומט דיר עפעס אזוי פיל געלט?'**

**דאס איז געווען א פארמעג; ער האט דאך נישט געוואוסט וואס דארטן טוט זיך - 'פארוואס נעמסטו אזוי פיל געלט?'. עפרון האט עס פארקויפט 'בשמחה רבה' - 'פיר הונדערט קינטרין עובר לסוחר'.**

**"כמו כן", זאגט דער רבי[יח], "כשנחשך אור הצדיק וואס ער שיינט אין אלע עולמות, וכל-שכן בעולם הזה, אף-על-פי-כן, ביי אים שיינט ער גארנישט, ביי אים שיינט גארנישט אינגאנצן, אדרבה, ביי איז גאר פינסטער".**

---

[טז] שם בליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות ב', וזל"ש: **"וכשנחשך אצל אחד היראה והאהבה**, בבחינת (ישעיהו נ): "אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם". "שמים" - זה בחינת אש ומים, היינו יראה ואהבה, נתלבשים בקדרות ונחשכים ונתכסים בשק, דהיינו שנחשך אצלו היראה והאהבה - **זה מחמת שנחשך אצלו אור הצדיק, שממנו מקבלין יראה ואהבה** כנ"ל".

[יז] שם בהמשך: **"כי לפעמים יש שנחשך אצל אחד אור הצדיק, ואינו זוכה להבין ולראות אורו הגדול; ואף שהוא אצל הצדיק, אינו יכול לטעום ולהבין ולראות אורו הגדול של הצדיק, שעל ידו יוכל לבוא לתכלית הטוב. וכמו שמצינו גבי עפרון, שמקום מערת המכפלה, שהוא שער גן עדן, שדרך שם עולין כל הנשמות, ואורו גדול מאד, אף על פי כן אצלו היה מקום חשך ואפילה, ועל כן מכרו בשמחה רבה לאברהם**, כמובא (זוהר חיי שרה קכ"ח)".

[יח] שם בהמשך: **"וכמו כן כשנחשך אור הצדיק, שהוא מאיר בכל העולמות, מכל שכן בעולם הזה, ואף על פי כן אצלו אינו מאיר כלל, אדרבא הוא חושך אצלו - וזה מחמת עכירת המעשים וכסילות השכל, שעל ידי מעשים**

עס קען זיין אזא מציאות - ער איז לעבן צדיק און ער פילט (גארנישט), אזוי ווי די מערת המכפלה איז געווען ביי עפרון'ען און ער האט עס פארקויפט 'בשמחה רבה'; ווען ער זאל ווען זעהן וואס דארטן טוט זיך וואלט ער עס נישט פארקויפט.

זאגט דער רבי: "וזה מחמת עבירת המעשים וכסילות השכל, שעל-ידי מעשים רעים נתחשך שכלו בכסילות" - אז דער שכל איז פינסטער פון מעשים רעים, קען שוין זיין אז עס זאל זיין ביי מיר אזא מין אור - און איך זאל גארנישט פילן.

מען זעהט דאך ארויס; מען לערנט תורה, מען דאוונט די אייגענע שמונה עשרה, די אייגענע ווערטער - און דער דאוונט מיט א געשמאקייט, מיט אזא מין (חשק) - אה! ער קען זיך נישט (געגנוג) אָנעסן מיט די ווערטער - און דער נישט; די אייגענע ווערטער - און ביי אים איז עס גארנישט.

פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס אים שמעקט די ווערטער - איז עס ביי תורה הקדושה - איז עס ביי תפילה - (און ביי אים גארנישט); דאס איז מחמת עבירת המעשים, מעשים רעים, דער שכל איז פארנארישט, דערפאר - דער 'אור' איז לעבן אים און ער פילט גארנישט דעם אור - ער פילט נישט.

❖

## נישט געפילט קיין טעם אין לערנען

דער רבי ברענגט דארטן פון דעם 'רב ובן יחיד'[יט] - "ער האט געדאוונט און געלערנט – און ער האט נישט געפילט קיין טעם אין די לערנען און דאווענען".

נו, ער איז געווען א גרויסער מענטש, ער איז געווען א גרויסער צדיק, ער האט נישט געוואלט באגנוגענען זיך. (כי היה יכול לחשוב:) 'וואס איז דאס דיין עסק? דאוונסט, לערנסט? - שוין!' - ער האט אבער נישט געקענט רוהען.

---

**רעים נתחשך שכלו בכסילות, דהיינו דעות נפסדות וחכמות נכריות**, כמו שכתוב (ירמיה ד): "חכמים המה להרע, ולהיטיב לא ידעו", כי על ידי מעשיהם הרעים אינם יכולים להשתמש כלל בשכלם להיטיב, כי אם להרע, ועל ידי כסילות השכל, **על ידי זה אינו יכול לראות ולהבין אור הצדיק**".

[יט] מעשה ח' מספה"ק "סיפורי מעשיות", וזל"ש: "דֶער בֶּן יָחִיד פְלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין אִיבֶּער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערִינְט. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים. **אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוִוינֶען תָּמִיד. נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גִיפִילְט אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן. אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט 'וָואס'. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוִוינֶען**".

דער רבי זאגט: "ער האט נישט געוואוסט 'וואָס'" (- מה חסר לו). פלעגן אונזערע לייט זאגן: אויב איך האב דארטן אין זיך תאוות מיט מידות רעות וואס דערפאר קען איך נישט דאווענען - ווייס איך יא 'פארוואס'; איך ווייס פארוואס איך קען נישט דאווענען - ווייל איך האב אין זיך שלעכטע מעשים, שלעכטע דיעות.

- אז "ער (הבן יחיד הנ"ל) האט נישט געוואוסט 'וואס'", איז דער פשט, אז ער איז געווען א גאנצער מענטש, ער איז געווען א הייליגער מענטש, א 'מאור הקטן' איז ער געווען - דאס איז נישט קיין קליינקייט! (וע"כ באמת לא ידע) 'פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין לערנען' - פארוואס?!'.

דעם לשון: 'ער האט נישט געוואוסט וואס', איז פשט, אז ער האט גוט געזוכט ארום זיך: 'פארוואס קען איך נישט דאווענען? פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין דאווענען און לערנען?'

- האבן זיי אים געזאגט דארטן: פאר צו דעם צדיק, וועט ער דיר זאגן 'פארוואס'. ער האט געדארפט זיין דער מאור הקטן און דער צדיק איז דער מאור הגדול - דער רבי דערציילט דארטן די מעשה (עיי"ש).

אבער דערווייל זעהט מען דאך ארויס אז ער איז געווען אזא מין גדול - א מאור הקטן, דאס איז נישט קיין קליינקייט - חמה מיט לבנה - און ער האט נישט געפילט קיין טעם; נאר דורך דעם צדיק וועסטו פילן א טעם!

נו, ווען ער וואלט ווען געקומען צום צדיק, וואלט טאקע געווארן באלד - דער רבי זאגט דאך: "וואלט משיח געקומען!"[כ]

אז 'מיר' קענען נישט דאווענען, ווייסן מיר יא 'פארוואס' - מיר ווייסן פארוואס מיר קענען נישט דאווענען - 'עכירת המעשים, וכסילות השכל'... מיר דארפן נישט זוכן 'פארוואס', מיר ווייסן... מיר דארפן נאר קומען צום צדיק אז מען זאל ארויס פון 'עכירת המעשים', מען זאל ארויס פון 'כסילות השכל'.

---

[כ] "וָוארִין דֶער זוּן אִיז גִיוֶועןן אַ בְּחִינַת **מָאוֹר הַקָּטָן** אוּן דֶער צַדִּיק וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט צוּ אִים פָּארִין עֶר אִיז אַ בְּחִינַת **מָאוֹר הַגָּדוֹל. אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע וָאלְין זִיךְ גִיוֶועןן אִין אֵיינֶעם צוּם אוֹיף קוּמֶען וָואלְט מָשִׁיחַ גִיקוּמֶען".**

ער איז געווען א הייליגער מענטש - דער בן יחיד, ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס'. עס איז נאר געווען (עליו לעשות) זיך צושטעלן קעגן דער חמה אז דער מאור הקטן והגדול (זאלן זיך אין איינעם צונויפקומען).

זעהען מיר דערפון, אז אפילו דער גרויסער מענטש - אז ער פילט נישט קיין טעם - דארף ער פרעגן: 'פארוואס?!' - 'פארוואס פיל איך נישט קיין טעם? פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין לערנען און דאווענען? אין יעדן מאכל פיל איך א טעם אבער אין דעם פיל איך נישט קיין טעם'...

❖

## כמו חלב ודשן תשבע נפשי

דוד המלך זאגט[כא]: "כמו חלב ודשן תשבע נפשי, ושפתי רננות יהלל פי" – אז איך רעד ארויס עפעס א 'יהלל פי' איז דאס אזוי ווי 'חלב ודשן', א געשמאקער עסן. און אז דאס פעלט, דארף מען וויסן 'פארוואס'.

דאס דאווענען מיטן לערנען איז אזא מין זאך וואס איז געווענדעט אין דעם פיראכטס - אין דעם 'פריער' און אין דעם 'שפעטער'. אז דער פריער איז שוין נישט אזוי - פילט מען נישט קיין טעם.

נאר וואס דען; עס איז פארהאן אמאל אז דער צדיק שענקט א מתנה כאטש דער מענטש איז נישט ראוי דערצו; מען שענקט אים דארט עטליכע ווערטער; אבער דאס איז נאר א מתנה, דאס איז נישט דיינס; נישט לאזן זיך נארן[כב].

(לפעמים) מענטשן קומען אריין אין א גאוה - 'אה, איך האב היינט געדאווענט געשמאק' - ער מיינט ער איז שוין עפעס - ניין! דאס האט מען דיר נאר געגעבן א מתנה פון אויבן, אבער עס איז נישט דיינס.

---

[כא] תהלים סג, ו.

[כב] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ד', אות ט': **"זה שאנו רואים, שלפעמים נתלהב האדם בתוך התפילה ואומר כמה תיבות בהתלהבות גדול, זה בחמלת ה' עליו, שנפתח לו אור אין סוף והאר לו"**, וכו' עיי"ש.

לויט ווי דו פירסט זיך, ביסטו גארנישט זוכה צו רעדן אזעלכע ווערטער צום אויבערשטן; נאר מען האט אויף דיר רחמנות, מען שענקט דיר א מתנה; אבער באלד נעמט מען דאס ביי דיר צו, די מתנות שענקט מען נישט אויף אייביג.

מען שענקט דיר א מתנה כדי דו זאלסט זוכן - דו זאלסט וויסן אז אין דאווענען דארף מען פילן א געשמאקייט; ביים לערנען דארף מען פילן א געשמאקייט, אזוי ווי מען פילט עפעס אין א מאכל א געשמאקייט.

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט: 'מַיִין מתיקין') 'מַיין מתיקין'![כג] 'מַיין מתיקין'!. 'פגם הברית', זאגט דער רבי, איז 'מַיין מרירין'; און 'שמירת הברית' איז 'מַין מתיקין'. 'מַיין מתיקין' דאס איז גאר עפעס אנדערש - איי איי, 'מַיין מתיקין'!

❖

# לא נשתנה פניו

ר' נתן איז דאך געווען א גרויסער ארעמאן. האט ר' נחמן טולטשינער עדות געזאגט אויף ר' נתן'ען - אז מען האט אים געבראכט דארטן עפעס אויף שבת און יום טוב: **"איידער עס איז אים נתמלא געווארן דער חסרון און נאך דעם וואס עס איז אים נתמלא געווארן דער חסרון האט מען נישט דערקענט אויפן פנים קיין שום חילוק. נאר פאר א דאווענען און נאך א דאווענען האט מען געזעהן - ער האט אן אנדער פנים געהאט!"**

❖

דאס איז דער געשמאק וואס דער צדיק האט - דער רבי זאגט דארטן (תורה נ'): "ושמועה טובה תדשן עצם" - אז מען הערט זיך גוט איין איז 'תדשן עצם'[כד].

---

[כג] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ' (מ"ליקוטי עצות" - ערך 'ברית, פגָמו ותיקונו', אות מ"ד): "הפוגם בבריתו הוא בבחינת מיין מרירין מיין מסאבין זרע טמא, ואזי אין יכול להתפלל בבחינת כל עצמותי וכו'. היינו שאינו יכול לטעום מתיקות בדיבורי התפילה ואז כלבא נחית לאכול קרבנו, היינו תפלתו. והיא בחינת מרה בחינת חרב פיפיות בחינת גיהנום. **אבל על ידי שמירת הברית היא בבחינת מיין מתיקין דדכיין זרע קדש, ואזי דיבוריו מתוקים וטובים. וכשיוצאים מפיו ומשמיע לאזנו, אזי נכנסים מתיקות הדיבורים לתוך עצמותיו, ואזי תפילתו בבחינת כל עצמותי תאמרנה, ואז אריה נחית לאכל קרבנו".**

[כד] וזל"ש: "ומי שהוא בבחינת מיין מתיקין, אזי דיבוריו מתוקים וטובים. וכשיוצאים מפיו **ומשמיע לאזניו**, כמו שאמרו (ברכות ט"ו): 'השמע לאזנך' וכו', **אזי נכנסים מתיקות המַיין לתוך עצמותיו**, בבחינת (משלי ט"ו): **"ושמועה טובה תדשן עצם"**. וכשעצמות מרגישין מתיקות הדבורים, זה בחינת: "כל עצמותי תאמרנה". ואז אריה נחית ואכל קרבנה, כי עצם זה

דער רבי זאגט טאקע דארט: וויבאלד אז די תפילה איז 'בבחינת תיקון הברית' איז דאס 'עצם'. 'אריה' דאס איז עצם. און אז נישט איז דאס 'כלב' (ח"ו).

(קורא מבפנים:) '"ושמועה טובה תדשן 'עצם'". 'עצם' זה בחינת 'אריה', אזוי ווי עס שטייט אין תיקונים אז דעמאלט איז 'אריה נחת' - עס קומט אן אריה און נעמט צו זיין תפילה. אבער דער וואס איז פוגם בברית, בבחינת מיין מרירין, מים ממרה, מיין מסאבין, זרע טמא - קען ער נישט דאווענען בבחינת "כל עצמותי תאמרנה" - איז דאך ביי אים נישטא קיין 'עצם', איז 'כלבא נחת' - קומט א כלב און עסט אויף זיין תפילה'.

א געוואלדיגע התגלות זאגט דער רבי אין דער תורה. עס שטייט: 'הצילה מחרב נפשי, מיד כלב יחידתי, הושיעני מפי אריה'. פארוואס דא שטייט 'הצילה' און דא 'הושיעני'? (לכאורה זאל שטיין) 'הצילה' מיד כלב און 'הצילה' מאריה? אריה איז דאך אויך א חיה?

זאגט דער רבי אזוי: פון א כלב זיי מיך מציל - און דו זאלסט מיר העלפן אז עס זאל זיין אן אריה. ווייל אז ער איז זוכה, איז אריה נחית ואכיל קרבניה. אריה איז פון די מרכבה עליונה, פון די ארבע חיות הקודש. (וע"כ מבקשים:) "הושיעני" - 'העלף מיר עס זאל יא זיין מפי אריה!'[כה]

"הצילה מחרב נפשי ומיד כלב יחידתי" איז טאקע 'הצילה'. (דאס הייסט) ראטעווע מיר עס זאל נישט זיין קיין כלב. און "הושיעני" - העלף מיר - "מפי אריה". ("היינו כשאריה יאכל קרבני) זה לי לישועה" - דאס איז פאר מיר א ישועה.

עס איז א געוואלדיגע זאך; דער רבי זאגט אריין אווארט - איז געזאגט...! פרעג אן אנדערן - 'פארוואס שטייט 'הושיעני' (- עס וואלט דאך געדארפט שטיין) 'הצילה' מפי אריה?!...

❖

בחינת אריה (כמו שכתוב בתקונים תקון ג' בהי"א תקונים האחרונים). אבל מי שפגם בבריתו, הוא בבחינת מיין מרירין, בבחינת (שמות ט"ו): "ולא יכלו לשתות מים ממרה. מיין מסאבין, זרע טמא. אזי אין יכול להתפלל בבחינת: "כל עצמותי תאמרנה". ואז כלבא נחת, שהוא בחינת מיין מרירין, שצווח הב הב".

[כה] וזל"ש: וזה: "הצילה מחרב נפשי ומיד כלב (עיין רע"מ פנחס רכ"ד:) אבל הושיעני מפי אריה. הינו כשאריה יאכל קרבני, זה לי לישועה. וזהו אצל חרב וכלב כתוב לשון הצלה, ואצל אריה כתיב ישועה".

# דו גיב פייער

עס שטייט טאקע, אז ביים ערשטן בית, כאטש מען האט דאך געבראכט פייער מלמטה, פונדעסטוועגן איז אראפ אן אש מלמעלה און עס איז געלעגן אזוי ווי א 'ציור' פון אן אריה. ביים אנדערן בית איז שוין געווען א ציור פון א כלב[כו].

דער אריה, דער פייער פון אויבן, איז נישט אראפ סיידן מען האט אונטן געגעבן אויך פייער.

עס ווערט געבראכט[כז] אז אפילו בשעת מען האט געטראגן דעם מזבח איז דער פייער אויך נישט אוועק, מען האט עס נאר מכסה געווען.

אבער אז עס זאל זיין א התגלות פונעם אריה, האט מען געדארפט ברענגען אש מלמטה, מען האט געמאכט א מערכה מיט עצים פון 'אש מלמטה', און אזוי האט זיך ארויסגעוויזן דער התגלות פונעם אריה.

דער אריה גייט אראפ פון אויבן ביי יעדן איינעם; נאר וואס דען? דו גיב פייער אונטן!

דו גיב אליין פייער; לאמיר זעהן דיין פייער! דו גיב פייער!

(אחד הנוכחים: עס דארף נאר זיין 'מאורי אור'[כח]) עס איז דא א פייער וואס פארברענט; און עס איז דא א פייער וואס לייכט און מאכט ליכטיג; (דארף מען אנצינדן) א פייער וואס לייכט - ברענען טויג נישט!

❖

דער רבי רעדט דא, אז דער צדיק - ער דעקט אויף די יראה ואהבה; און פון וואנעט נעמט זיך דאס? זאגט דער רבי, אז דער צדיק זוכט אין דער גאנצער בריאה וואס דער

---

[כו] עי' גמ' יומא כא:

[כז] ירושלמי פ"ד, ה"ו.

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא ס"ז.

אויבערשטער האט באשאפן - דעם רצון פון דעם אויבערשטן וואס דער אויבערשטער האט געהאט צו יעדער זאך[כט].

אז דער רבי הויבט אן דארטן, הויבט ער אויך אן מיט 'אריה'[ל]; אַן אריה האט אין זיך דעם כח, און א ייתוש קטן האט א שוואכע כח; און דער צדיק דעקט אויף דעם רצון וואס דער אויבערשטער האט געהאט אין יעדן זאך.

זאגט דער רבי, ווי אזוי ווייסט ער דעם רצון? [רצון איז אהבה (עי' לקמן)] ער ווייסט עס דורך די התפארות ווי אזוי דער אויבערשטער איז זיך מתפאר. ווייל בשעת דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט האט ער געזעהן אז עס וועט זיין אידן וואס זיי וועלן אים דינען און ער וועט האבן פון זיי א התפארות, איבער דעם האט ער באשאפן דער וועלט![לא]

קומט אויס, פארוואס איז געווארן דער רצון, פארוואס האט דער אויבערשטער געהאט א רצון אז עס זאל ווערן א וועלט? ווייל ער האט געזעהן אז ער וועט האבן התפארות.

---

[כט] עיי"ש בסי' י"ז, אות א': "**כי הצדיק מבקש ומחפש תמיד לגלות הרצונות של השי"ת. כי יש בכל דבר רצון השם יתברך, הן בכלל הבריאה, דהיינו מה שהשם יתברך רצה לברוא את העולם בכלל, וכן בפרטי הבריאה, בכל דבר ודבר בפרט, יש רצון השם יתברך, דהיינו שהשי"ת רצה שזה הדבר יהיה כך: בתמונה הזאת ובכח הזה ובטבע הזאת, ודבר אחר יש לו תמונה אחרת וכח אחר וטבע והנהגה אחרת. והצדיק מחפש ומבקש תמיד אחר אלו הרצונות, להשיג ולידע רצון השי"ת בכל דבר**".

[ל] שם בהמשך, וזל"ש: כגון: "**מפני מה היה רצון השי"ת שהארי יהיה לו כח וגבורה כזו, ובזו התמונה, ובזאת הטבע וההנהגה שיש לארי; ולהיפך, יתוש קטן הוא חלש כח מאד, ויש לו טבע ותמונה והנהגה אחרת.** וכן בפרטי פרטיות, כגון בהאריה בעצמו: מפני מה זה האיבר של האריה צורתו כך, ויש לו כח וטבע כזאת, ואיבר אחר יש לו צורה אחרת וכח וטבע והנהגה אחרת. וכן בשאר כל הברואים שבעולם - דומם, צומח, חי, מדבר - שבכולם יש שינויים רבים לאין מספר בין כל אחד לחבירו, וכן בכל אחד ואחד בעצמו יש בו שינויים רבים בפרטי פרטיות בין כל איבר ואיבר, וכיוצא בזה בעשבים ואילנות ושאר פרטי הבריאה, שבכולם יש שינויים רבים מאד בתמונותיהם ובכוחותיהם והנהגותיהם; והכל היה מחמת רצון הבורא יתברך שמו, שרצה שזה יהיה כך וזה כך. **והצדיק מחפש תמיד אחר אלו הרצונות, ומשיג ומוצא אותם על ידי ההתפארות שמוצא בישראל בכלל ובפרט ובפרטי פרטיות**".

[לא] שם בהמשך: "כי כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל ישראל, כמו שאמרו: 'בראשית - בשביל ישראל, שנקרא ראשית' (ויק"ר פ' ל"ו) כי 'ישראל עלה במחשבה תחלה' (ב"ר פ"א), דהיינו שהשי"ת צפה ההתפארות והשעשועים שיקבל מישראל, כמו שכתוב (ישעיהו מ"ט): "ישראל אשר בך אתפאר", ובשביל זה ברא את כל העולם. **נמצא, שכל העולם כולו נברא רק בשביל ההתפארות שיתפאר בישראל, וזה היה כלל הבריאה, דהיינו שכלל הבריאה היה בשביל כלל ההתפארות שיקבל מישראל**".

**זאגט דער רבי: אז עס איז דא א 'התפארות בכלל' און א 'התפארות בפרט' און א 'התפארות בפרטי פרטיות'. דער 'כלל הבריאה' איז געווארן פון דעם 'כלל ההתפארות'. (דאס הייסט) דער אויבערשטער האט געהאט א רצון צו מאכן א בריאה, און ער האט געזעהן אז עס וועט זיין א התפארות, עס וועט זיין א פאלק פון אידן וואס מען וועט אים דינען און ער וועט האבן התפארות פון זיי, דערפאר האט ער באשאפן א וועלט (בכלליות).**

**און די 'פרטי הבריאה' - יעדער פרט - אלע טאג איז דאך געוועזן אן אנדערע בריאה, (זה נעשה ע"י) ווייל ער האט געזעהן די פרטים וואס וועט זיין פון יעדן מענטש; יעדער מענטש וועט אים ארויסגעבן א התפארות[לב]. און 'בפרטי פרטיות' איז שוין יעדער איבר[לג].**

**קומט אויס, אז דער אויבערשטער האט התפארות פון כלל ישראל; און דער אויבערשטער האט התפארות פון יעדן איינעם; און ער האט התפארות פון אן איבר פון א אידן.**

**אז דער אויבערשטער העלפט, א איד איז מקַדש די אויגן, ער האט ריינע אויגן, האט דער אויבערשטער א התפארות למעלה, דער אויבערשטער בארימט זיך למעלה: 'זעהט, איך האב דא א איד אין דעם עולם - און ער האט ריינע אויגן!' אויבן די מלאכים - וואס האבן זיי? זיי האבן עפעס א (נסיון)? זיי ברענגען צום אויבערשטן און**

[לב] שם בהמשך: וכן פרטי הבריאה הוא בשביל פרטי ההתפארות של ישראל. כי יש בכל אחד ואחד מישראל התפארות בפרטיות, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות, ואפלו בפחות שבישראל, אפלו פושעי ישראל, כל זמן ששם ישראל נקרא עליו, כי נקרא פושעי ישראל, יש בו התפארות פרטי, שהשם יתברך מתפאר עמו בפרטיות".

[לג] שם בהמשך: "וכן בפרטי פרטיות, כי יש בכל איבר ואיבר ובכל תנועה ותנועה של ישראל התפארות אחר. ויש לפעמים שאיזה פחות שבישראל עושה נענוע עם הפאה שלו, והשם יתברך יש לו התפארות גדול גם מזה. והצדיק, על ידי שמבקש ומחפש תמיד, ומוצא ההתפארות שיש בישראל בכלל ובפרט ובפרטי פרטיות, בכל איבר ותנועה של כל אחד ואחד מישראל כנ"ל, על ידי זה יודע ומשיג כל הרצונות של השם יתברך שהיה לו בכל הבריאה, בכלל ובפרט ובפרטי פרטיות, כי כל הרצונות של כל הבריאה, הכל היה בשביל ההתפארות של ישראל כנ"ל, וכל דבר ודבר נברא ברצונו, בזה הכח ובזה הטבע והנהגה, כפי ההתפארות שיש בכל אחד מישראל. נמצא, כשיודע ומוצא ההתפארות שיש בישראל, בכלל ובפרט ובפרטי פרטיות, יודע כל הרצונות שיש בכלל הבריאה ובפרטי הבריאה ובפרטי פרטיות".

שוין[לד] - 'דא אין דעם עולם וואס איז אזא מין מסוכן'דיגע וועלט, האב איך א מענטש וואס איך האב התפארות פון זיינע אויגן!'

- 'ער האט א ריין מויל, האב איך התפארות פון זיין מויל; ער האט ריינע אויערן, א ריינער מח, ריינע הענט 'נקי כפיים'' - עס איז דאך א געוואלד! אט דאס הייסט התפארות 'בפרטי פרטיות'.

❖

## נישט פסל'ען די תפילין

דער רבי זאגט ווייטער, אז התפארות איז די זאך פון 'תפילין'[לה]. ר' יצחק בער[לו] פלעגט זאגן: 'מען זאל זיך היטן נישט פסל'ען די תפילין'; אין די תפילין פונעם אויבערשטן שטייט דאך "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!" דאס איז די תפילין פון דעם 'מארי עלמא' - דער אויבערשטער באריימט זיך מיט אונז – "ומי כעמך ישראל גוי אחד".

- ביי אונזערע תפילין באריימען 'מיר' זיך מיטן אויבערשטן – "ה' אלוקינו ה' אחד", דאס איז אונזערע תפילין; און ביי דעם אויבערשטנס תפילין, באריימט זיך דער אויבערשטער מיט אונז.

---

[לד] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ד': **"כי מי שיודע קצת בידיעתו יתברך, הוא יודע שעיקר התענוגים והשעשועים של השי"ת הוא רק שאנחנו מעולם הזה השפל נגדל ונקדש שמו יתברך, וזהו עיקר התענוגים והשעשועים של השי"ת, כמו שכתוב: "ואבית תהלה מגושי עפר מקרוצי חומר" וכו', כי השי"ת יש לו שרפים וחיות ואופנים ועולמות עליונים, שהם עובדים אותו יתברך, ואף על פי כן עיקר התענוג והשעשוע שלו - כשעולה למעלה העבודה של עולם השפל הזה!"**

[לה] בשם בהמשך סי' י"ז: "ועל ידי זה שהצדיק מגלה ההתפארות של השם יתברך שמתפאר עם עמו ישראל, שעל ידי זה נתגלין כל הרצונות של הבריאה כנ"ל, על ידי זה נתגלה היראה והאהבה. כי על ידי התגלות ההתפארות נתגלה היראה. וכמו שעל ידי התגלות ההתפארות של ישראל, שהם מתפארים עמו יתברך, על ידי זה נופל יראה, כי **ההתפארות של ישראל הוא בחינת תפילין**, שנקראים פאר (ברכות יא), ועל ידם נתגלה יראה, כמו שאמרו חכמינו, זכרונם לברכה (ברכות ו): 'מנין שהתפילין הם עז לישראל, שנאמר: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"'. נמצא, שעל ידי התגלות ההתפארות שמתפארין ישראל עמו יתברך, על ידי זה נופל יראה, כמו כן על ידי התגלות ההתפארות של השם יתברך שמתפאר בישראל, שזה בחינת תפילין של השם יתברך, כמו שאמרו רז"ל (שם) (מניין שהקדוש ברוך הוא מניח תפילין וכו'. ואיתא שם, שהתפילין של השם יתברך כתוב בהם ההתפארות, שהוא יתברך מתפאר עם עמו ישראל, כדאיתא שם, שתפלין דמארי עלמא כתיב בהו: ומי כעמך ישראל וכו', כי מי גוי גדול וכו') - על ידי ההתפארות הזאת מתגלה היראה של השם יתברך, דהינו ליראה מלפניו יתברך".

[לו] ר' יצחק בער מטעפליק ז"ל, אחיו של ר' יקותיאל, מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל. יליד טירהאוויצע. מחותנו של ר' נחמן טולטשינער.

קומט אויס, אז וואס איך טוה מער מצוות ומעשים טובים, איך בין מער מקדש מיינע אברים, האט דער אויבערשטער פון מיר מער התפארות, איז דער הידור פון די תפילין שענער אויבן!

און חלילה אז איך מאך עפעס א פגם, האט דער אויבערשטער נישט קיין התפארות, איז עס א פגם אין די תפילין של מעלה, בין איך דאך פוגם אין די תפילין של מעלה - עס איז א געוואלד!

יעדער איינער דארף האבן א חלק אין דעם אז דער אויבערשטער זאל האבן פון אים התפארות; דער אויבערשטער זאל האבן התפארות פון מיינע אברים; דער אויבערשטער זאל האבן התפארות פון מיינע אויגן!

אז ער האט א נסיון צו מאכן א קוק און ער קוקט נישט, האט דער אויבערשטער א התפארות! עס איז א התפארות למעלה: 'ער האט עומד בנסיון געווען, ער האט נישט געקוקט!'

אז ער האט א [נסיון] אמאל צו רעדן (וואס מען דארף נישט) און ער האלט זיך איין און ער רעדט נישט - רעדן א דיבור דקדושה דארף מען רעדן; נאר רעדן אזוי, געקלאפט א ווערטל - און ער רעדט נישט - ער איז דאך דא אין דעם עולם - האט דער אויבערשטער א התפארות דערפון! אינגאנצן דער שורש הבריאה איז דאך געווען דאס התפארות; האב איך א חלק אין דעם "ובטובו מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", איך האב א חלק דערינען!

❖

# אני יכול ליתן יראה

פון דעם התפארות איז געווארן דער רצון; און רצון איז אהבה!. רעדט דער רבי דא ווייטער: אז דער שטייגער איז, אז בשעת דער מלך ווייזט ארויס זיין מלכות, איז פריער פאלט א גרויסע יראה - 'דער מלך דארף אנקומען'! עס פאלט א יראה אויפן גאנצן

(מדינה) - **א יראה א פחד: 'מען זעהט דעם מלך!' - א געוואלדיגע יראה. דערנאך ווייזט דער מלך א פרייליך פנים און ער גיט יעדן איינעם מתנות"**[לז]**.**

**אזוי איז דער שטייגער, אז א מלך קומט - פריער איז א געוואלדיגע יראה; און נאכדעם טיילט ער יעדן איינעם מתנות.**

**זאגט דער רבי אזוי: פריער גייט די יראה און נאכדעם גייט אהבה; און דער צדיק האט אזא כח אז ער דעקט אויף דאס התפארות וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט יעדן איינעם וואס דערפון איז געווארן דער רצון; ממילא ווערט יראה, און עס ווערט אהבה; 'ער איז דער מגלה היראה והאהבה'!** (עי' כ"ז בפנים)**.**

**א מענטש האט תמיד אין זיך** (כטבעו) **אזא מידה פון 'יראה ואהבה'. אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז זוכה, איז עס טאקע אהבה דקדושה - אז דער צדיק דעקט אים אויף אזא אהבה - 'פארוואס דארפסטו האבן די נארישקייטן - די נארישע אהבות? זעה וואספארא אהבה דו קענסט האבן - אהבת התורה, אהבת הצדיקים, אהבת השם-יתברך'; און ער דעקט אויך אויף די יראה.**

**עס שטייט דאך אין "חיי מוהר"ן"**[לח] **דארטן - אזא מין יראה וואס ער האט מורא געהאט** ("עד שכמעט יצא מחיותו")**, נאר וואס דען, "אם כן יעבוד השי"ת בעצמו את עצמו!"**

---

[לז] שם בהמשך: "**כי כן דרך המלך ביום גנוסיא דמלכא, שלובש בגדי התפארות, שאז נופל יראה גדולה על כולם והכל חרדים וזוחלים מפניו, שאחר כך מגלה המלך רצונו לכל אחד ואחד,** ומחלק ונותן מתנות לכל אחד ואחד לפי כבודו, כפי רצון המלך ואהבתו שיש לו לכל אחד ואחד, **שזהו בחינת אהבה.** וכמו שעל ידי התגלות ההתפארות שמגלין הצדיקים, שמתפאר השם יתברך עם ישראל, על ידי זה הם מגלין הרצונות של השם יתברך שיש בכל דבר ודבר כנ"ל, כן ביום גנוסיא דמלכא, שאז הוא התגלות ההתפארות, אזי הוא התגלות רצונו יתברך, כי אחר כך הוא מגלה רצונו לכל אחד ואחד, ונותן להם מתנות ומרומם קרנם, לכל אחד ואחד כפי רצונו כנ"ל. **וזה בחינת התגלות האהבה, כי מתחילה, בעת התגלות ההתפארות, נפל פחדו ויראתו על כולם; ואחר כך, כשרואים רצון המלך וקרבתו לכל אחד ואחד, על ידי זה מתקרבים אליו ואוהבים אותו**".

[לח] אות ש"ל, וזל"ש: "**אמר: "אני יכול לעשות מכולכם צדיקים גמורים נוראים, אבל מה יהיה, אם כן יעבוד השם יתברך בעצמו את עצמו!?"** (כלומר שרצונו הוא שאנחנו בעצמנו נתייגע בכחו ועצותיו הקדושים להשיג עבודת השם. אבל לא שהוא יתן הכל לגמרי). וכן שמעתי עוד בכמה לשונות שאמר: "**אני יכול לתן יראה להאדם עד שיצא מחייו ויתבטל במציאות!**". ופעם אחת ביקש מאתו אחד מאנ"ש הרבה בענין זה שיתן לו יראה (כמדומה לי שזה היה ר' שמעון המשמש שלו) ודיבר עמו רביז"ל דברים כעין הנ"ל שבודאי יכול ליתן [לו] יראה עצומה רק שאין זה תכלית, כי אם כן יתבטל במציאות. והאיש הנ"ל היה משתוקק אף על פי כן שיאיר עליו יראה עצומה, ואחר כך יצא האיש מלפניו ונפל עליו יראה עצומה ומופלגת מאד, והתחיל לצעוק להשי"ת בקולות משונות מה שלא היה רגיל בכך עד שכמעט יצא מחיותו ונמשך כך עד למחרתו. ולמחרת

דער צדיק קען ארויסברענגען אזא מין אהבה, אבער ער וויל דאך אז מען זאל אליין עפעס ווערן! דער אויבערשטער האט התפארות, ווען? איך דארף דאך טאן עפעס א זאך אז דער אויבערשטער זאל האבן פון מיר התפארות - א "ריח נחוח לה'"!

איך דארף זעהן צו טאהן א נחת רוח דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער זאל האבן פון מיר א נחת רוח און האבן פון מיר 'התפארות'; איך זאל זיך איינהאלטן מיטן קוק; איך זאל זיך איינהאלטן מיטן דיבור; איך זאל זיך איינהאלטן מיטן געדאנק; איך זאל זיך איינהאלטן מיטן מויל – דעמאלט בין איך גורם אז דער אויבערשטער האט פון מיר א נחת רוח, דער אויבערשטער האט פון מיר א התפארות.

און אז ער האט התפארות, ווערט דערפון א רצון; באקום איך אהבה דקדושה, יראה דקדושה! (דער אויבערשטער איז דאך) מיין בעסטן גוטן פריינד - דארף איך זעהן אז דער אויבערשטער זאל האבן פון מיר א נחת רוח!

❖

## רעותא דליבא

א לשון אין זוהר הקדוש איז דא: 'זינט דער בית המקדש איז חרוב, האט נישט דער אויבערשטער קיין שום נחמה, קיין שום נחת, נאר פון די וואס זענען מתאונן אויפן בית המקדש - פון די וואס שטייען אויף אין די צייט פון חצות און זיי זענען מתאונן אויפן בית המקדש - אט דאס איז זיין נחמה', אז נישט קען מען אים בשום אופן נישט מנחם זיין.

דער בית המקדש איז חרוב, עס איז געווען אן עבודה, א התגלות אלקות איז געווען, א דעת האט געשיינט; דער אויבערשטער האט נישט קיין שום נחמה, ער קען זיך נישט מתנחם זיין, ער איז זיך נישט מתנחם נאר דערפון אז מען שטייט אויף ביינאכט און מען קלאגט אויפן חורבן.

נכנס אצלו ושאל אותו רביז"ל אם הגיע אליו יראה, השיב לו האיש הנ"ל שוב איני רוצה בזה וביקש מאתו שיקח ממנו זאת וחזר ולקח ממנו ושב לקדמותו".

(הקב"ה אומר:) 'טרויערט כאטש אויפן בית המקדש! - ווייזט כאטש ארויס אז עס פעלט אייך א בית המקדש - אט דאס איז מיין נחמה! איר האט פארלוירן א זאך - ווילט כאטש די זאך, בענקט כאטש דערצו!'

דעם אויבערשטן'ס נחמה איז אז אידן שטייען אויף און זיי זענען מתאונן!

❖

קומט אויס פון דער תורה, אז יעדער איינער דארף זעהן אז דער אויבערשטער זאל האבן פון אים א התפארות; מען זאל זיך מתפאר זיין פון אים בכלל; און מתפאר זיין פון אים בפרט; און מען זאל זיך מתפאר זיין מיט יעדן איבר!

און אז מען קען נישט מאכן קיין שלימות, איז אביסלע; אז איך בין מונע אין מיין דיבור - עפעס, האט שוין דער אויבערשטער א התפארות פון דעם; איך בין מונע מיינע אויגן; איך בין מונע מיינע געדאנקען - האט דער אויבערשטער פון מיר א התפארות.

אט דאס איז א ריח ניחוח. אמאל איז געווען קרבנות; אז דער קרבן איז געווען א קרבן עולה, האט דער מזבח פארברענט אינגאנצן דאס פלייש, און וואס האט דער אויבערשטער געהאט פון דעם? זאגט דער זוהר הקדוש - נאר אשה ריח ניחוח לה'![לט]

די כהנים עסן דאס פלייש - און וואס דער אויבערשטער האט דערפון, איז דער רצון! אז דער מענטש ברענגט דעם קרבן, האט ער א רצון צום אויבערשטן, אט דאס האט דער אויבערשטער אינגאנצן! אט דאס איז ריח ניחוח לה' - די אהבה וואס דער מענטש האט, וואס דערפאר האט ער געבראכט דעם קרבן; און דאס וויל ער (זהו עיקר הנַחת רוח לפניו).

קומט אויס, אז די גאנצע זאך - דאס איז דער רצון; און דאס זעהט מען דאך גארנישט אן! אין דער פעולה וואס איך טוה זעהט זיך נישט אן דער רצון - דער דאוונט און דער דאוונט; דער לערנט און דער לערנט; דער רעדט און דער רעדט; אבער פון דעם גייט ארויף א ריח ניחוח לה', א רצון צום אויבערשטן!

❖

[לט] עי' בזוה"ק פר' פנחס, רע"א מהימנא, דף רכד:

# פילן א טעם

דער 'בן יחיד' (ממעשה של 'הרב ובן יחיד' הנ"ל) האט געדאווענט און געלערנט. ווייזט אויס, אז ער האט געהיט די צייט - און ער האט נישט געפילט קיין טעם אין לערנען און דאווענען, (קומט אויס, אז) אין דער פעולה זעהט זיך דאס נישט אָן.

אין דעם 'טעם' - אז יענער פילט נישט - דערקענט מען עפעס? ער זיצט און דאווענט און לערנט - און שוין.

דארף מען טאקע האבן התחזקות, מלא התחזקות; אפילו מען פילט נישט קיין טעם - דאוון, לערן; אבער דאס איז אליין גערעדט געווארן אז מען שטארקט מיך איך זאל נישט אראפפאלן - אבער געוואלד! איך דארף דאך אבער פארט פילן דעם טעם, איך דארף אבער פארט פילן א טעם. פארוואס פיל איך א טעם אין א מאכל? פארוואס ווען עס קומט מיר צו אביסל געלט - פיל איך שוין א טעם, איך בין געווארן פרייליכער - פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין לערנען און דאווענען? פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?

איז די גאנצע זאך וואס מיר פעלט - דער חסרון איז דאך נאר דער דעת און דאס חיות, און דאס זעהט זיך דאך נישט אן.

דער חסרון איז דאך נישט א חסרון דארטן וואס מיר פעלט אז איך האב געהאט צוויי און איך האב איצטער איינס - ניין! עס פעלט נישט, אלעס איז בשלימות, די אייגענע תפילין, עס פעלט גארנישט; נאר דער עיקר חיות פעלט.

❖ ❖ ❖

# סיבת יציאת רבינו לברסלב

איינע פון די טעמים וואס דער רבי איז ארויס קיין ברסלב, איז געווען, כדי ר' נתן זאל ווערן מקורב צום רבי'ן. ר' נתן איז דאך פריער אויך געווען ביי צדיקים; ער איז געווען ביים בארדיטשוב'ער רב; און ער איז געווען ביי ר' מרדכי קרעמניצער; און ער איז געווען ביי דעם רבי'ן ר' זושא - ער איז געווען ביי אסאך צדיקים; נאר וואו ער איז געוועזן האבן זיי אליין געוואוינט ווייט פון אים.

**נעמיראוו איז געווען ווייט פון באַרדיטשוב; פון אניפאליע - פון דעם רבי'ן ר' זושא; פון קרעמניץ - אלץ געווען ווייט פון זיי. אז ער איז געווען ביי זיי, האט אים עס גאנץ גוט געשמעקט; אבער האבן א זאך און פארן צו זיי - איז עס ווייט!**

**און דערווייל איז ער דאך פארט** (געווען) **ר' דוד צבי'ס איידעם וואס ער איז געווען פון די מתנגדים - און ער האט געזעהן אז זיי** (די צדיקים) **זענען פארט עפעס אנדערש -** (ר' משה בינענשטאק: אין ימי מוהרנ"ת שטייט "כי הם אנשי אמת"[מ]) **ער האט געהאט א תועלת פון זיי; אבער דאס וואס ער האט געהאט דורכן רבי'ן האט ער נישט געהאט דורך זיי.**

(ר' משה: מען ווייסט אז ר' נתן איז געווען ביים רבי'ן ר' זושא?) **יא!** (ר' משה: ווען איז געווען די הסתלקות פון דעם רבי'ן ר' זושא'ן?) **תק"ס.**

(ר' נחמן: ר' נתן שרייבט: "ונשתנתי לטובה בכמה דברים"[מא]) **יא, אבער אז עס זאל אזוי פיל זיין – אז ער זאל שוין קענען פארן צו זיי אזוי ווייט - אזעלכע נסיעות פארן - עטליכע טעג א נסיעה - איז עס ווייט. אמאל איז נישט געווען ווי היינט, מען איז געפארן מיט די פיר, מיט א וואגן, און דא גייט א רעגן, עס גייט א שניי - עס איז נישט די היינטיגע געפארעכטס וואס אין דריי שעה איז מען אין מירון.**

**- אבער אז דער רבי איז ארוים קיין ברסלב און עס איז געווען זייער נאנט - מען האט געקענט פארן מיט דער פיר צוויי שעה - און מען איז אין ברסלב; און נאך דעם אז ער איז געווען ביים רבי'ן איינמאל און ער האט שוין געזעהן דעם רבי'ן - איז שוין געווען גוט; ער האט געקענט אלעמאל פארן, ער האט געקענט אלעמאל זיין.**

**דער רבי האט דאך שוין געזעהן אז ער האט אזא מין נשמה דארטן וואס די נשמה האט א שייכות צו זיין זאך אינגאנצן[מב] און אז דורך די נשמה וועט בלייבן א השארה**

---

[מ] עי' "ימי מוהרנ"ת" ח"א, אות א': "אחר כך מריבוי הדברים של חברי הנ"ל ושארי אנשים הבחנתי האמת, וזכיתי ליכנס באמונת חכמים והסכימה דעתי עם החסידים שטוב להתקרב להצדיקים המפורסמים גדולי החסידים, **כי הם אנשי אמת וה' עמם** ואז נמשך עלי יראה קצת **ונשתניתי לטובה בכמה דברים** הידועים לי ועם כל זה עדיין הייתי תועה בדרך ולא ידעתי בין ימיני לשמאלי כי לא היה לי מנהיג כראוי וכל מה שעבר עלי בימים אלו קצרה היריעה לספר".

[מא] עי' הערה מ'.

[מב] עי' שיח שרפי קודש ח"ב, מ"ב: כְּשֶׁנִּכְנַס רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל לִבְרַסְלֶב... וְגַם רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אָמַר אַז: **אִיךְ זֶעה אַ נְשָׁמָה אוֹיף דֶער אוּקְרַיְינֶע סָמוּךְ לִבְרַסְלֶב"** (שֶׁאֲנִי רוֹאֶה נְשָׁמָה עַל אוּקְרַיְינֶע סָמוּךְ לִבְּרֶסְלֶב). וְאָמַר זֹאת לְרַבִּי יוּדְיל, וְשִׁבַּח מְאֹד אֶת הַנְּשָׁמָה".

אויף די דורות, און אז נישט וועט קיין בלעטל שמות נישט בלייבן[מג] - האט דער רבי שוין געזעהן ווער ער איז. איז דער רבי ארוים קיין ברסלב צוליב דעם כדי ר' נתן זאל ווערן מקורב; אזוי פלעגן אונזערע לייט זאגן[מד].

(ר' נחמן: עס שטייט אין חיי מוהר"ן אז דער רבי האט געזאגט: **"איך זאל ווען נישט קומען קיין ברסלב נאר צו מקרב זיין ר' נתן'ען איז אויך גענוג!"**) **יא יא**[מה].

(ר' משה: וואס האט דער רבי אים געמיינט צו זאגן: **"מען קען זיך פון לאנג"**[מו] - צוליב דעם חלום[מז]?) עס קען זיין דער חלום אויך.

(ר' משה: וואס נאך?) דער דיבור אליין איז אויך שוין א דיבור (לעצמו). דער רבי האט געזאגט צו ר' נתן'ען: 'מיר קענען זיך פון לאנג!'

---

[מג] עי' חיי מוהר"ן ש"ע: "אמר: כל אחד מכם יש לו חלק בהתורה שלי. אבל 'נתן' יש לו חלק גדול יותר מכולכם. ענה ואמר: אתם יודעים זאת שאם לא היה הוא לא היה לכם אפלו עָלה אחד מהספר. ואמר בלשון אשכנז: **"ווען ניט ער, וואלט איר ניט גיהאט אבלעטל שמות!"**. גם עיי"ש, אות שס"ז: "סיפרו לי שכשנתקרבתי אליו, אמר בפני אנשים אחרים שלא בפני, **ברוך השם שהזמין לי רק בשנים אחד שאפילו דיבור אחד מדיבורי לא יהיה נאבד עוד!** וכוונתו היתה עלי שאזכה לכתוב כל דבריו היוצאים מפיו הקדוש הן תורות הן שיחות שגם הם תורה, ואפלו דיבור אחד בעלמא לא יהיה נאבד עוד!".

[מד] עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות ג': **"ובתוך כך סיבב השי"ת בנפלאותיו העצומים שיצא אדמו"ר זצ"ל לברסלב שהיא קרובה לנעמירוב עיר מושבו של מוהרנ"ת ז"ל בערך שמונה עשרה מיל** (שקורין ווייערסט) **(וכל זה היתה סיבה מאת השי"ת כדי שיתקרב מוהרנ"ת ז"ל לאדמו"ר ז"ל כדי שעל ידו לא תשכח אפלו דיבור אחד מדברי אדמו"ר ז"ל)"**.

[מה] עי' חיי מוהר"ן קט"ו: ובשנת תקס"ב בחודש אלול נכנס לברסלב ובא לכאן על שבת פרשת כי תצא. וכאשר נשמע הדבר בנעמירוב הסמוך לפה היה אצלנו דבר פלא מאד שהוא נכנס לכאן. אבל השם יתברך חמל עלינו מן השמים, וחשב מרחוק להיטיב אחריתנו להשאיר שארית בארץ למען עשה כהיום הזה להחיות עם רב. ...ואנחנו זכינו ברחמיו המרובים להתקרב אליו תיכף בכניסתו לפה, ויתבאר מזה במקום אחר אי"ה באריכות (ימי מוהרנ"ת ב'). ואמר: **אילו לא בא לברסלב אלא בשביל לקרב אותי - די.!"**.

[מו] עי' חיי מוהר"ן של"ג: גם אמר להרב רבי נתן והרב רבי נפתלי, זכרונם לברכה, בעת שנתקרבו אליו, הלא יש לי עמכם היכרות מכבר, רק שזה זמן כביר אשר לא התראינו פנים זה עם זה, ועכשיו אנו רואין עצמינו זה עם זה. **"מיר קענען זיך שוין פון לאנג, נאר סע שוין אלאנגע צייט אז מיר האבן זיך שוין ניט גיזעהן, און היינט זעהן מיר זיך"**.

[מז] עי' שיח שרפי קודש ח"ד, אות ל"ד. "פַּעַם אַחַת יָשַׁב עִם הַחֲסִידִים תַּלְמִידֵי הָרַב מִבַּארְדִיטְשׁוּב בִּסְעֻדַּת מְלַוֶּה מַלְכָּה, וְהִפִּילוּ גּוֹרָל אֶת מִי לִשְׁלֹחַ לִקְנוֹת בֵּייגִיל, וְנָפַל הַגּוֹרָל עַל הָרַב ר' נָתָן זַצַ"ל, וְהָלַךְ. וּבְאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ נָפַל עָלָיו מְרִירוּת מֵעִנְיַן הָעֲלִיּוֹת וְהַיְּרִידוֹת שֶׁהָיָה רָגִיל בָּהֶם אֲפִלּוּ אַחַר הִתְקָרְבוּתוֹ לַחֲסִידִים, וְנִכְנְסוּ בּוֹ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, וְכִי עַל זֶה נִבְרָא לֵילֵךְ לִקְנוֹת בֵּייגִיל, וְהָיָה קָשֶׁה עָלָיו לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ. וְאָז הִתְחִיל לִשְׁקֹעַ קְצָת אוֹר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, וּמוֹהֲרַנַ"ת עָלָה וְיָרַד כַּמָּה פְּעָמִים וְלֹא יָדַע עֵצָה לָזֶה. וְקִנֵּא מְאֹד שֶׁרָאָה אֲנָשִׁים זְקֵנִים בְּנֶעמִירוֹב שֶׁאוֹמְרִים שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם בֶּאֱמֶת, וְאָז הָלַךְ לְעֶזְרַת נָשִׁים שֶׁל הַבֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהִתְחִיל לוֹמַר תְּהִלִּים וְאָמַר עַד קַפִּיטְל נוּ"ן, וּבְכָל פָּסוּק הִתְגּוֹלֵל עַצְמוֹ בָּאָרֶץ מֵרֹב הַצַּעַר, עַד שֶׁיָּגַע וְנָפַל לָאָרֶץ. וַיִּישַׁן וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמַיְמָה, וְהִתְחִיל לַעֲלוֹת וְעָלָה קְצָת וְנָפַל, וְעָלָה עוֹד קְצָת וְחָזַר וְנָפַל, וְכֵן עוֹד הַפַּעַם, וּבְכָל פַּעַם כָּל מַה שֶּׁעָלָה יוֹתֵר, הַנְּפִילָה הָיְתָה יוֹתֵר גְּדוֹלָה, וְשׁוּב עָלָה עַד לְרוּם הַמַּדְרֵגוֹת, וְאָז נָפַל וְלֹא יָכֹל לַעֲלוֹת עוֹד, וּבָא אֶחָד וְאָמַר לוֹ **דְּרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ** (טַפֵּס וְהַחֲזֵק מַעֲמָד). וְזֶה הָיָה עֶרֶךְ שָׁנָה קֹדֶם הִתְקָרְבוּתוֹ לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל. וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁבָּא אֶל רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, הִכִּיר בּוֹ, שֶׁזֶּהוּ הָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁאָמַר לוֹ דְּרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ (טַפֵּס וְהַחֲזֵק מַעֲמָד)".

(ר' משה: דער רבי האט עס געזאגט צו ר' נתן'ען?) **יא! "מיר קענען זיך שוין פון לאנג" - דאס איז שוין א דיבור אפילו איך ווייס נאך נישט וואס!**

❖ ❖ ❖

## ספר, סופר, סיפור

**דעם רבי'נס זאך איז א זאך; דער רבי האט איבערגעלאזט זיין זאך אין די ספרים - אין די ספרים ליגט דעם רבי'נס זאך[מח]; און דער רבי האט מזהיר געווען מען זאל רעדן איינער מיטן אנדערן. אזוי ווי ער האט מזהיר געווען מען זאל רעדן צום אויבערשטן האט ער מזהיר געווען מען זאל רעדן איינער מיטן אנדערן[מט] - דאס איז די השארה פון דעם רבי'ן[נ].**

**און אז מען האלט זיך אן אין דער זאך: מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים; און געוועגטליך** (- פארשטייט זיך) **מען לערנט די ספרים וואס דאס איז די נקודה פון 'צדיק'; און מען רעדט איינער מיטן אנדערן - האבן מיר דעם רבי'ן! האבן מיר די דריי נקודות![נא].**
**אפילו בחיי רבינו האט אויך געדארפט זיין דאס דאזיגע - און עס איז געווען!**

**די אלע דורות - אין אונזערע צייטן - עטליכע דורות נאכן רבי'ן - זיי האבן נישט געקענט ר' נתן'ען; פונדעסטוועגן איז געווען אזעלכע חידושים, אזעלכע צדיקים, אזעלכע געוואלדיגע מענטשן וואס מיר האבן נאך געטראפן - פון וואנעט האבן**

---

[מח] עי' חיי מוהר"ן רכ"ה: "ובלילה שקודם הסתלקותו אמר: מה לכם לדאג מאחר שאני הולך לפניכם. ומה אם הנשמות שלא הכירו אותי כלל. הם מצפים על תיקונים שלי מכל שכן אתם וכו'. (**וכן אפילו אלו שלא זכו להכיר את רביז"ל בחייו,** כשיבואו על קברו הקדוש ויסמוכו עליו, **וילמדו ספריו הקדושים וירגילו עצמם לילך בדרכיו הקדושים הנאמרים בספריו הקדושים, בוודאי יש להם על מה שיסמוכו. אשריהם אשרי חלקם, ולא יאשמו כל החוסים בו, כי כבר גילה דעתו בכמה לשונות בפירוש וברמז שכל מה שעוסק עמנו אינו בשבילנו לבד, כי אם את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה,** וכמבואר מזה לקמן (עיין שיחות הר"ן רט)".

[מט] עי' בליקוטי הלכות תערובות ה"ה, אות ו': **"כמו שחיוב עליו לשוב להשם יתברך ולהתקרב אליו יתברך, כמו כן הוא חיוב עליו לדבר עם חבריו ולקרבם אל האמת לאמיתו ויקבלו דין מן דין, כמבואר הרבה בדבריו ז"ל".**

[נ] עי' שיח שרפי קודש, חלק ד', ס"ז: "פירשו אנ"ש את המספר בסיפורי מעשיות מעשה ג' מהחיגר בתחילתו, שציוה להם אביהם (קודם מותו) שיעסקו רק להשקות אילנות, אולם גם פרנסות אחרים יכולים לעשות, רק שבעיקר יעסקו בעבודת השקאת אילנות. ואמרו: "פרנסות אחרים", הכוונה ללמוד תורה ועבודת התפילה ומעשים טובים, והשקאת אילנות, הכוונה לדבר דיבורי יראת שמים אחד עם חבירו שבזה משקה אחד את השני, וצריך האדם לדעת שגם בעת שעוסק בשאר עבודת ה' בחינת "פרנסות אחרות" צריך גם אז להשתדל באהבת החברים, ולעורר אחד את חברו לעבודת השם יתברך, ולהאיר אחד בחברו בבחינת "ללמד על מנת ללמד" שזה בחינת השקאת אילנות."

[נא] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד.

**זיי דאס געגומען? אלץ נאר פון די דריי נקודות: זיי האבן געהאלטן דעם ספר; און זיי האבן גערעדט צום אויבערשטן דיבורים; און זיי האבן געהאט חברים - זענען זיי געווארן אזעלכע צדיקים!**

מיר האבן דאך די דריי זאכן: מיר האבן די ספרים; און מען האט דאך א מויל צו רעדן צום אויבערשטן; און מען האט דאך חברים.

(ר' נחמן: ספר, סופר, וסיפור![נב]) **יא!**

נאר וואס דען, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען קומט זיך שוין צונויף, זאל מען אויסנוצן צו רעדן וואס מען דארף רעדן; 'כמה עלמין אתהפיכו בגינייהו' אז מען זאל זיך צונויף קומען - און אז מען קומט זיך צונויף נוצט מען עס אויס אויף אנדערע רייד...

- מיר האבן גערעדט היינט אז מען דארף דעם אויבערשטן אנטאן א נחת רוח. דער אויבערשטער האט אזא מין (נחת רוח) אז 'יראי השם' רעדן איינער צום אנדערן (כמו שכתוב:) "ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו"[נג] - עס איז דאך א געוואלדיגער נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט! אזא מין נחת רוח האט דער אויבערשטער!

❖ ❖ ❖

# וואס האט ער דיר שלעכטס געטאן?

מען דערציילט אויף איינעם פון די גדולים, איינער פון דעם מגיד'ס תלמידים, א גדול געווען. איינער איז געווען א משכיל, געווען אביסל א קלוגיטשקער, פלעגט ער האבן חקירות, און ער איז אריינגעקומען צו דעם גדול, זאגט אים דער גדול: **"זאג מיר, וואספארא שלעכטס האט דיר דער אויבערשטער געטאן וואס דו ביסט אזא קעגנער אנטקעגן אים?!"**

- איז ער געבליבן שטיין צעקאכט.

- מיט דעם 'דיבור' האט ער אים מקרב געווען!

[נב] לשון מספר יצירה.

[נג] מלאכי ג, טז.

ער איז אלץ ארײנגעקומען פרעגן קשיות אויף א חוצפה'דיגן וועג. האט ער אים געזאגט דעם ווארט: 'זאג מיר, וואספארא שלעכטס האט דיר דער אויבערשטער געטאהן וואס דו ביסט אזא קעגנער אנטקעגן אים?'

- מיר דארפן אויך נישט זײן קײן קעגנער. אז מען היטן נישט אפ די אויגן איז מען א קעגנער דעם אויבערשטן; אז מען היט נישט אפ דאס מויל; מען היט נישט אפ דעם געדאנק; אז מען היט נישט אפ דעם דיבור – איז מען א קעגנער; דארפן מיר זיך אויך מאכן דעם חשבון - 'פארוואס זאל איך אים זײן א קעגנער? וואספארא שלעכטס טוהט מיר דער אויבערשטער? פארוואס זאל איך אים נישט אנטאן א נחת רוח?!'

דער רבי זאגט אז דער אויבערשטער האט א התפארות פון יעדע (תנועה מאיש ישראלי) בפרטי פרטיות! אז א מענטש היט אפ איין איבר האט דער אויבערשטער א התפארות! 'פארוואס זאל איך אים נישט אנטאן דעם נחת רוח? פארוואס זאל איך אים זײן א קעגנער? פארוואס זאל ער האבן צער דורך מיר?'

אזוי ווי דער אויבערשטער האט א נחת רוח ווען מײנער אן איבר איז אפגעהיט - האט ער דאך צער פארקערט! די שכינה הקדושה האט דאך צער פון יעדן אײנעם - 'פארוואס זאל איך אים גורם זײן א צער?'; דארף מען זיך אויסרעדן פאר השי"ת.

מיר זאגן: "שויתי ה' לנגדי תמיד"; מען דארף זעהן - נישט זײן קײן קעגנער דעם אויבערשטן...

נו, אבער דאס דארף מען גלויבן - אז וואס איך טוה עפעס א זאך וואס איז נישט לטוב, בין איך אים גורם צער!

❖ ❖ ❖

# כך נאה ויפה לו

(השואל: דער רבי זאגט, אז אויפן אויבערשטן מוז זײן קשיות - "כך נאה ויפה לו"[נד]; וואס איז דער פשט?) דער רבי זאגט אז מען דארף נישט וועלן פארשטײן; אז איך וויל פארשטײן, וועל איך נישט פארשטײן; דעם אויבערשטן איז נישט שייך צו פארשטײן.

---

[נד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא נ"ב: "ובענין הקושיות שקשה על השם יתברך, מרגלא בפומיה לומר: **אדרבא, כך ראוי להיות דייקא, שיהיו קושיות על השם יתברך, וכך נאה ויפה לו יתברך לפי גדולתו ורוממותו.** כי מעוצם גדולתו ורוממותו,

עס איז דא אמאל א צדיק, און לעבן אים וואוינט א שכן א רשע. און ער איז תמיד א בעל יסורין, אן ארעמאן און א שטוב מיט קליינע קינדער וואס ער האט זיי נישט צו געבן כדי חיונו, ער האט נישט זיי חתונה צומאכן - און דער רשע איז רייך און געזונט אזוי ווי אייזן און ער האט קינדער - רייכע קינדער.

איז די קשיא - 'וואס איז דאס?' דער איז א צדיק - און ער איז פיל מיט יסורים! - און דער איז דאך א רשע? - נו, קען איך דען פרעגן א קשיא? קען מיר דען ווערן פארענטפערט דער קשיא?! זאגט דער רבי: 'דאס דארף מען נישט קלערן, דאס איז דעם אויבערשטנ'ס הנהגה'.

❖

דער רבי האט דערציילט אמאל א מעשה: עס איז געווען איינער וואס האט געהאלטן די ארענדע. עס איז געווען ארענדארן ביי די קרעטשמעס דארטן - על פי רוב האבן אידן גענומען די ארענדעס. און אלע דריי יאר האט מען געמאכט א 'טארק' (-אן אויספארקויף); און אז עס איז געווען אן ארעמען און ער האט נישט געהאט צו צאלן דארטן די 'דירה געלט', פלעגט מען אים ארויסווארפן און פארקויפן.

איז געווען איינער אן ארענדאר אן ארעמאן, און קיינער האט אים נישט געטשעפעט; אז עס איז געקומען דארטן א דריי יאר, דער פריץ האט געוואלט מאכן א 'טארק' - וויבאלד ער איז אן ארעמאן האט מען אים נישט געטשעפעט (קיינער האט עס נישט אויסגעקויפט) - איז ער ווייטער געבליבן.

(איינמאל) האט זיך געפונען איינער עפעס אן עזות פנים, און ער האט געגעבן עפעס מערער, און דעם ארעמאן האט מען ארויסגעווארפן פון שטוב אינגאנצן. עס איז געווען א געוואלדיגע זאך - 'ער טוט אזא מין זאך'.

- און דער רבי האט אויסגעלאזט: דער מענטש האט קיין קינדער נישט געהאט - **און דאס יאר האט ער געהאט א קינד** [דער וואס האט אויסגעקויפט!] - **און אזוי פירט דער אויבערשטער!** (כך הפטיר רבינו).

---

שהוא מרומם מאד מדעתינו, על כן בוודאי אי אפשר שנבין ונשיג בשכלנו הנהגתו יתברך. ועל כן בהכרח שיהיו עליו יתברך קשיות, כי כך נאה ויפה להבורא יתברך, שיהיה מרומם ונשא מדעתנו, שעל ידי זה קשה הקשיות כנ"ל ואם היה הנהגתו כפי חיוב דעתנו, אם כן היה, חס ושלום, דעתו כדעתנו".

- דער רבי האט דערציילט די מעשה - אז מען זעהט אז דער אויבערשטער איז נעלם מעין כל חי!

מסתמא איז דאך דארטן געווען זאכענישן וואס יענער האט געדארפט אוועקגיין פון דער וועלט - וואס אויבן מאכט מען שוין א בייט - (ממונו ופרנסתו תחת המיתה!).

דער ענין פון אמונה הייסט - 'שלימות אמונה!' - עס זאל דיר נישט זיין קשה די השגחה פונעם אויבערשטן! דאס איז דער עיקר אמונה!

דער רבי דערציילט דא א מעשה - 'און אזוי פירט דער אויבערשטער' – קען מען דען דאס פארשטיין? ווער קען דאס פארשטיין?!

(ר' נחמן: אה, עס איז נישט געווען ביים רבי'נס צייט די מעשה?) ניין. דער רבי האט דערציילט די מעשה, (וסיים:) **'און אזוי פירט דער אויבערשטער!'**

❖

## בעת נסיון

דאס איז דער ענין פון אמונה; מיר האבן א ירושה פון אונזערע עלטערן, פון אברהם אבינו - דער ראש למאמינים און ראש לנימולים - אן ענין פון אמונה. **עס איז דא צייטן וואס מען ווייסט גארנישט - נאר זיך האלטן אין אמונה! בשום אופן וועט ער נישט פארשטיין הנהגתו יתברך! נאר אמונה!**

אפילו צדיקים וואס האבן לעכטיגע אויגן, אבער בשעת מען וויל אים געבן א פרואוו נעמט מען ביי אים צו די אלע השגות און מען שטעלט אים אוועק אויף אמונה![נה] אז נישט איז דאך נישט שייך א נסיון; וואספארא נסיון איז דאס אז ער ווייסט אלעס?! נעמט מען ביי אים צו דעם דעת כדי ער זאל פילן די יסורים; דער רבי זאגט דאס אין א תורה[נו].

[נה] עי' בליקוטי הלכות נשיאת כפיים ה"ו, אות ח': **"וכמו ששמעתי מפיו הקדוש שבשעת הנסיון של כל האדם, אין האדם בדעתו בשלימות בענין הנסיון כי אם היה דעתו שלם בזה, לא היה לו נסיון כלל".**

[נו] ליקוטי מוהר"ן ס"ה, אות ג', וזל"ש: **"אך עיקר הצער שיש לאדם מהיסורין שעוברים עליו, חס ושלום. הוא רק מחמת שלוקחין מהאדם הדעת, עד שאין יכול להסתכל על התכלית, שהוא כולו טוב, ואז מרגיש צער וכאב היסורין. כי כשיש לו דעת, ומסתכל על התכלית, אינו מרגיש כלל הצער של היסורין!".**

וואס הייסט מען נעמט ביי אים צו? יא, אזוי איז; בשעת מען וויל ער זאל פילן די יסורים און אים אוועקשטעלן אויף אמונה, נעמט מען ביי אים צו דעם דעת.

ביי דעם בעל שם הקדוש איז געווען דארטן ביים ים - ער האט אלעס פארגעסן, אלעס פארגעסן![נז]

בשעת מען דארף אים אוועקשטעלן (לנסותו), נעמט מען אים צו (דעם דעת). ווייזן ווייזט אויס, אז פארט עפעס בלייבט דאך איבער, עס בלייבט איבער כוחות אז מען זאל זיך קענען האלטן נאר אין אמונה; אבער 'דעת' נישט - ווייל דעמאלט קען מען בשום אופן נישט פארשטיין!

ר' נתן רעדט אין א הלכה[נח] דארטן פון חמץ מיט מצה, אז בשעת מען איז ארויס פון מצרים - אזוי ווי מצרים איז דאך געווען די ערוַת הארץ, איז מצרים געווען פול מיט אפיקורסות און חכמות - געוואלדיגע אפיקורסות געווען דארטן; און אז אידן זענען געווען אין מצרים האט מען בשום אופן נישט געקענט עסן חמץ.

חמץ געדויערט דאך לאנג; און מצה גיך. 'חמץ' הייסט, מחַמץ זיין דעם מח, מען וויל פארשטיין - בשום אופן נישט! אסור! עס האט נאר געמוזט זיין א מאכל פון מצה; דאס הייסט גיך - אן פארזאמעכטס, "ולא יכלו להתמהמה"; דאס הייסט 'אמונה!'

און שבועות איז שוין נאר חמץ (הקרבן משתי הלחם). שבועות - אז מען האט שוין געגעבן די תורה - דארף מען שוין זיך יא מיישב זיין, יא מעמיק זיין מערער - ווייל מיר האבן שוין די תורה. אבער בשעת מען איז ארויס פון מצרים איז נאר געווען א בחינת מצה, נאר אמונה - אן גארנישט! נאר מען גלויבט!

**ויאמן העם!** "ויאמן העם, וישמעו כי פקד ה'"[נט] אין שמות, בשעת משה רבינו איז געגאנגען צו זיי אין מצרים, דעמאלט איז נאר געווען אמונה! עס איז נאך נישט געווען קיין תורה. שבועות, אז עס איז שוין געווען א תורה, איז שוין געווען חמץ - הויבט זיך שוין אן די עיון, צו מעיין זיין אין די זאך מערער, מער חוקר זיין.

---

[נז] עי' אורך הסיפור בשיח שרפי קודש ח"א, שע"ג.

[נח] הלכות חלב ודם ה"ד, אות ד': "ומחמת זה אסור אז החמץ בבל יראה ובל ימצא וצריכין לאכל רק מצה, **כי חמץ הוא בחינת קשיות**, בחינת כי יתחמץ לבבי וכו', **שנאמר שם לענין הקשיות שהיה קשה לו בלבו על ה' יתברך**".

[נט] שמות ד, לא.

ביי אונז קען אויך הייסן א בחינת יציאת מצרים קודם קבלת התורה; ממילא מוז זיין ביי אונז די אמונה שטארק! די אמונה שטארק!

אז איך זעה אז איך בין אין דער זאך שטארק, קען מען שוין אביסעלע מאכן אמאל אן עיון אויך - אביסל מעיין זיין. אבער טאמער עס מאכט זיך אמאל אז איך זעה אזא מין רעיון וואס דארטן פארשטיי איך נישט - אויף א מענטשן גייט דאך איבער אסאך - איז דארטן וואו ער פארשטייט נישט דארף ער זיך אנגארטלען נאר מיט אמונה! נאר אמונה! איך גלויב! "אודיע אמונתך בפי"![ס] איך גלויב און איך גלויב! איצטער שטעלט מען מיר פאר א נסיון - נאר אמונה! נאר אמונה!

❖

## אין הקב"ה בא בטרוניא

דער רבי זאגט דאך אין תורה ס"ב: 'דארטן וואו דער מענטש פארשטייט איז א "מצוה לחדד השכל"'[סא]. מען זעהט שוין, מן השמים אז מען ווייזט עפעס א זאך - עפעס עפעס קען ער פארשטיין.

אין תורה ל"א, זאגט דער רבי דארטן, אז קיום אמונה איז נאר דורך ברית! דורך תיקון הברית האט די אמונה א קיום - ער איז שטארק, "ובריתי נאמנת לו" - זאגט דער רבי[סב].

בשעת דער אויבערשטער שטעלט אוועק א מענטש נאר אויף אמונה, האבן מיר אזעלכע יסודות וואס מען זאל זיך קענען האלטן אין אמונה. און דער יסוד פון ברית דאס איז דער קיום פון אמונה!

מען וועט מיר דען אוועקשטעלן אויף אמונה (לנסיון) ווען איך האב נישט מיט וואס זיך אנצוכאפן? דער תירוץ איז, עס איז יא דא אין וואס אנצוכאפן זיך - און צו דעם דארף מען אויך האבן אמונה אין דער זאך - 'אז דער אויבערשטער וועט מיר נישט

[ס] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד.

[סא] וזל"ש: **"כי האמת, מה שהגביל השם יתברך לשכל האנושי שיוכל להבין, הוא מצוה גדולה לחדד השכל, להבין הדבר על בריו".**

[סב] עיי"ש אות ג'.

**טאן קיין זאך אז איך זאל נישט האבן צוגעגרייט פון פריער קיין יסודות אויף צו האלטן זיך!**[סג]

(אזוי אויך) **דער רבי שרייט: 'געוואלד, זייט אייך נישט מייאש!'**[סד] **- יענער איז נעבאך אזוי** (געפאלן)**, יענער פילט דאך נישט** (קיין וועג ארויס, איז ווי קען איך אים זאגן?)**. דער תירוץ איז, עס איז דא מיט וואס צו האלטן זיך אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין, ער** (דער רבי) **גיט אים שוין אזעלכע זאכן אז ער זאל זיך טאקע נישט מייאש זיין!**[סה]

---

[סג] עי' ליקוטי הלכות שבת ו', אות י"ב, וזל"ש: **"כי קשה הדבר להבין בשכל. איך אפשר להעלות האמונה על ידי איזה עצה? כי מאחר שאין לו אמונה אם כן לא יאמין ח"ו גם בהעצה ...ואם כן איך אפשר לרַפאות ולחבר שבירת אמונתו? ...אך באמת ישראל עם קדוש הם מאמינים בני מאמינים ושרשם אמונה. על כן אפילו כשנופל אחד מישראל ח"ו מאמונה. בוודאי עדיין נשאר בו איזה נקודה מאמונה. רק שהאמונה בקטנות גדול בבחינת שבירה. אבל אף על פי כן על כל פנים יש בו איזה נקודה טובה מהאמונה. כי זה בעצמו מה שהצטער שנפל מאמונה זהו בעצמו אמונה. כי בפנימיות לבבו מבין מרחוק קדושת אמונת ישראל שיש יחיד קדמון מנהיג ומושל ומשגיח וכו' ויש לו צדיקים גדולים ונוראים שמכירין אותו יתברך שכל תקוותינו לנצח על ידם. רק אינו מרגיש האמונה בהתגלות בשלימות ועל כן מועיל לו עצה".**

[סד] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא ע"ח.

[סה] עוד בענין הנ"ל יש להביא מ"ש בליקוטי הלכות ברכת הריח ה"ד, אות י"ט, וזל"ש, בא"ד: "על-פי זה תבין מה שמבואר בהתורה הנ"ל. שצריכין לראות להשתדל מאד להתקרב לצדיק אמתי. כדי לזכות לבירור המדמה. שעל ידי זה יזכה לאמונה שלימה שהיא העיקר כנ"ל. **ולכאורה קשה. הלא גם להצדיק האמת בעצמו אי אפשר להתקרב כי אם על ידי אמונה, כי אם לא יהיה לו אמונה, לעולם לא יזכה להתקרב להצדיק האמת. כי יפלו לו עליו קשיות שאי אפשר להבינם בדעתו. מחמת שהצדיק גבה ונשגב ונעלם משכל העולם מאד. ואם כן נפל פתא בבירא, מהיכן יזכה לאמונה? הלא אי אפשר לזכות לאמונה כי אם על ידי הצדיק. ולהצדיק בעצמו אי אפשר להתקרב כי אם על ידי אמונה?** ...והכלל, שהאדם צריך לבחור רק בהאמת לאמיתו. ולהשתוקק תמיד אל האמת באמת, **כי יש נקודה דקדושה בכל אחד מישראל שהיא נקודת האמונה הקדושה. שעל ידי זה בפנימיות נפשו הוא רוצה וחפץ מאד להתקרב להאמת, דהיינו להצדיק האמת** שהוא שורש כל העולמות, כמו שכתוב "וצדיק יסוד עולם" וכמבואר מזה בדברי חז"ל. ואזי כשהאדם מתחיל להשתוקק להתקרב להצדיק אמיתי. אזי הבא ליטהר מסייעין לו, היינו שנמשך עליו ההארה משורש קדושת הצדיק בעצמו. ועל ידי זה הוא זוכה להתגבר בהשתוקקות וכיסופים ורצונות חזקים יותר. וכל מה שמתגבר ברצון חזק יותר להתקרב להצדיק. נמשך עליו קדושת הצדיק יותר. ומסייעו ביותר לשבר המניעות עד שזוכה לבוא להתקרב אליו. ואזי יזכה על ידי הצדיק לאמונה וכל טוב כנ"ל. **וענין זה מרומז קצת גם בכתבי האר"י ז"ל, שמבאר שם, שכשאדם רוצה לעשות איזה מצוה אזי באה זאת הנשמה שהיתה עוסקת במצוה זאת ומסייעה לו לעשות המצוה, ובלא זה לא היה יכל לגמרה מעוצם המניעות של הבעל דבר. וזה סוד הבא לטהר מסייעין לו,** עיי"ש, היינו כנ"ל".

לעילוי נשמת
מו״ה **יעקב** ב״ר
**שמואל הכהן** ע״ה
נלב״ע י״ג אייר תשפ״א
תנצב״ה

לעילוי נשמת
מרת **רוחמה שרה** ע״ה
ב״ר **יצחק** הי״ו
נלב״ע י״ב שבט תשע״ט
תנצב״ה